# מאכן HIV אומטרעפבאר



## העלט בולעטין

באזוכט **nyc.gov/health** צו זען אלע העלט בולעטינען
רופט **311** צו באשטעלן אומזיסטע קאפיעס.

NYC Health

# אומטרעפבאר מיינט נישט מעגליך איבערצוגעבן

- HIV באהאנדלונג קען פארמינערן די מאס ווירוס אין די קערפער צו שטאפלען וואס זענען גענוג נידריג עס נישט צו געפונען (אין טעסטן).
- מענטשן וואס האלטן אן אן אומטרעפבארע ווירול לאוד פאר כאטש זעקס מאנאטן קענען **נישט איבערגעבן HIV דורך פארבינדונגען.**
- דאס ווערט באוואוסט אלץ אומטרעפבאר מיינט נישט מעגליך איבערצוגעבן, אדער U = U.




מענטשן מיט אומטרעפבארע ווירול לאוד קענען
נישט איבערגעבן HIV דורך פארבינדונגען.

# באהאנדלען HIV

- מעדעצינען וואס באהאנדלען HIV זענען **זיכער און מער ווירקזאם ווי סיי ווען**.
- ווען עס ווערט גענומען ווי פארשריבן, טוען HIV מעדעצינען פארמינערן די מאס פון ווירוס אין א מענטשן'ס קערפער.
- וואס פריער א מענטש מיט HIV הויבט אן באהאנדלונג, אלץ ווייניגער קען HIV שעדיגן זייער קערפער.



HIV מעדעצינען ווערן גערופן אנטירעטראווירול טערעפי (ART). עס איז נישט פאראן קיין היילונג פאר HIV, אבער ART קען העלפן רעדוצירן די מאס פון ווירוס אין אייער קערפער. צו מאכן מעדעצינען א טייל פון אייער לעבנסשטייגער, שרייבט אייך איין צו באקומען טעקסט דערמאנונגען דורך טעקסטן צו **MEDS** צו **877877**.*

*טעקסטינג סערוויסעס זענען אוועילעבל אין ענגליש און ספאניש.

# HIV און סעקשועל געזונט

אויב איר ווייסט נישט אייער HIV סטאטוס, **זיכט אייך אונטער** - עס איז שנעל און גרינג. עס איז אויך אומזיסט ביי ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט סעקשועל געזונט קליניקס.

אויב איר לעבט מיט HIV, מאכט זיכער צו **נעמען אייערע מעדעצינען** ווי פארשריבן און זעט אן HIV דאקטאר פאר רעגלמעסיגע אונטערזוכונגען.

אויב איר האט נישט HIV, נעמט **פרי-עקספאזוער פראפילאקסיס (PrEP)** טעגליך כדי צו פארמיידן פון זיך אנשטעקן.

אויב איר האט אקטיווע פארבינדונגען, **נוצט קאנדאמס** וואס מער אייך צו באשיצן פון HIV, אנדערע סעקשועלי טרענסמיטעד אינפעקציעס און אומפלאנירטע שוואנגערשאפט.

# טרעפן סערוויסעס

HIV טעסטינג, קעיר, און באהאנדלונג סערוויסעס זענען אווילעבל אפגעזען פון אייער אימיגראציע סטאטוס אדער מעגליכקייט צו צאלן:

- פאר אינפארמאציע וועגן אומזיסטע אדער נידריג-קאסטן HIV טעסטינג, באזוכט **nyc.gov/health/clinics** אדער טעקסט **TESTNYC** צו **877877*** צו טרעפן א לאקאציע נעבן אייך.

- פאר הילף צו טרעפן קעיר, טעקסט **CARE** צו **877877**.*

- פאר מער אינפארמאציע וועגן PrEP, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט **PrEP**.

- פאר מער שטיצע, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט **Ryan White Services** (רייען ווייט סערוויסעס) איסצוגעפונען מער וועגן די העלט דעפארטמענט'ס קעיר קאארדינעישען פראגראם.

*טעקסטינג סערוויסעס זענען אווילעבל אין ענגליש און ספאניש.

# ריסאורסעס

## פארבינדט זיך

@nychealthy

nychealth

@nychealthy

nychealth

nyc health

## לערנט מער

באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט
**HIV Undetectable**

## באקומט די לעצטע העלט בולעטינס

אימעיל׳ט **healthbulletins@health.nyc.gov**

באזוכט **nyc.gov/health/pubs** פאר נאך שפראכן פונעם העלט בולעטין, און פאר אנדערע איבערגעזעצטע געזונטהייט מאטריאלן. איר האט די רעכט צו באקומען אין אייער שפראך. די סערוויסעס זענען אומזיסט ביי אלע ניו יארק סיטי העלטה דעפארטמענט אפיסעס און קליניקס.



COM019926Y - 6.19 Yiddish